J844 36

ספר

# חכמת ודעת

דָא וָוערְט גִירֶעט דִבְרֵי מוּסָר, אוּנ דִבְרֵי חָכְמָה, אוּנ מִנְהָגִים, אוֹיךְ אַנְדֶערָע דִינִים, כְּדֵי יֶעדֶער מֶענְשׁ זָאל ווִיסֶען וויא אוֹיף דֶער וֶועלְט זִיךְ צוּא פִירֶען, אוֹיךְ דוּרְךְ דֶעם וֶועלִין מִיר זוֹכֶה זַיין בִמ״ב אִין יְרוּשָׁלַיִם צוּא גֵיין:

מאתי ש״י בערזיק מאָסמענא

---

**ווילנא**

שנת תרל״ד לפ״ק

---

**СЕФЕРЪ ХОХМАТЪ ВЕДААТЪ**

т. е. Мудрость и Знаніе.

Новое изданіе съ изданія 1869 г.

**ВИЛЬНА** въ Типографіи Гилеля Дворжеца на Трокской улицѣ въ домѣ Круковскаго подъ № 400. 1873 г.

ש״ע בערזיק פֿון אַשמענע

[illegible]

טראַדיציאָנעלע מוסר

Dvorzhets: 1869, 1873

# הקדמה

ליבע ברידער דעם ספר זאלט איר לייענען אלע טאג וועט איר גיוויס ניצול ווערן פון יאמער אונ קלאג , דער ספר איז נאך קיינעם באקאנט , בעט איך אייך אז איר זאלט אים ניט אוועק מאכין אונטערין האנט , אין יעדער ווארט ליגט גראנקן זייער פיל , יעדער מענטש וועט גיפינען וואס זיין הארץ וויל , דורך איהם וועט איר באקומען אלע גליקען , איהר וועט אייערע הערצער דער קוויקען , דער וואס וועט דעם ספר לייענען , וועט ער אים גיוויש אראנק אפ געבין , ווארום ער וועט אים גיוויש ראטעווען דעם לעבין , ספרים איז אפילו ב"ה פאראנען זייער פיל , אבער ניט אלע טרעפען צו דעם מענטשין צום ציל , איך טוא צו דעם ב"ב האפען , אז דיא וואס וועלין דעם ספר לייענען וועלין זייא גיוויס דיא וועלט ניט פאר שלאפין , דער ספר וועט יעדעם מענטשין צו תשובה אן קלאפין , אונ ער וועט

Y 6075.111
~~JLM 6075.111~~

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено Цензурою 24 Августа
1873 г. Вильна.

# הקדמה

זיך גלייך פון שלאף אויף חאפין, יעדער מענטש וועט גא[...]
ווערין פון דאס נאיי גבארין, עס וועט אים פאר דריסען
אויף פריערדיקע יארין. איר וועט וויסין וואס אידעשקייט
באטייט, עס וועט זייער פר דריסען אויף די פריערדיקע
צייט, יעדער מענטש וועט ווישען, וואש צו אידעשקייט
שאט איר האט נאך אזוי אספר קיין מאל ניט גהאט. הגם
אין ספרי מוסר ווערט אויך גירעט אזעלכע גאנגען. אבער
עס איז זייער צו שפרייט ניט אלע קאנען דאס דער לאנגן,
יעדער ווארט זאלט איר זייער גוט בעקלערין׳ לייענען דעם
ספר זאל אייך קיין מאל ניט מיאוס ווערין׳ און ווען איר
וועט אפילו דעם ספר אוועק לייגן׳ זאל אייך יעדער ווארט
ליגען אין זינען׳ וואס אידר וועט אין אים מער לייענען
וועט איר אין אים מער גיפינען :

---



# חכמת ודעת

### א

דא ווערט וואנדערליכע זאכין אפ גימעלט
וויא עס טוט זיך פירין היינטיקע וועלט
בכלל און בפרט עש איז ניט גיפעלט
דער הויפט ווערט ארום גירעט דעם פרט פון געלט

### ב

ליבע ברידער איר זאלט לייענען מיט איין קלארין זינען
איר וועט דא טאייערע רייד גיפינען
וויא מען זאל דעם ב״ב מיטין גאנצין הארצין דינען
אויך וועט איר אלע מענטשין גוץ פאר דינען

### ג

ליבע ברידער וואס וואלט פון דיא וועלט ווערין
טאג פאר טאג טוען זיך צרות מערין
צוא תשובה טוט זיך קיינער ניט קערין
ארום משיחריידענדיק טוט מען שוין גאר ניט הערין

### ד

פאר וואס טוט דיא וועלט אן תשובה שווייגין
טאג פאר טאג טוט צרות שטייגין
מענטשין טוען נעבעך לײדין
פאר וואש זאל מען ניט בעטין אז דאס זאל אלץ מיידין

## ה

מען פאר געסט וויא אידין זיינען אמאל געוועזן באשיינט
מחמת מען איז שוין ב"ה אין צרות איין געווינט
אבער ניט דאס האט דער ב"ב געמיינט
ניט אויף אזוי אגאנג האט ער אונז פאר אידין געקרוינט

## ו

בייא היינטיקע יארין איז ניטא אמינוט אן אחיסרון
אלץ אין דאגה אונ אין צארין
אזוי לויפין אוועק דיא עטליכע יארין
ביז וואוגענט מען דארף פון דער וועלט אפ פארין

## ז

אין אידעשקייט איז מען זייער קיל
מען טוט וואס דיא הארץ וויל
פאר וואס פאר געסט מען דעם רעכטין ציל
אז מען וועט דארפין אפ געבן דין וועט אן נעמן רעדה וחיל

## ח

דיא וועלט איז אגאנץ שיינע
אויף מצות צוא קויפין איז זיא איינע
אבער נאר אויף אצייט אקורצע אקליינע
דארף מען דאך זעהען צוא קומען מיט אנשמה אריינע





## ט

אוי וייא וויא דיא וועלט איז פאר נארט
מען פר געסט אז מענוועט זיין אין אדירה פון ד"א פר שפארט
אונ קליפות אונ מלאכי חבלה וועלין שטיין פר איין ווארט
זייא וועלין זאגין גיב אונז מזונות מיר זיינען פאר דארט

## י

מען לויפט ארום דיא פרייע וועלט אונ מען טוט
אונ אין מיטין טאן ווערט ניט גוט
אונ מען האט שוין ניט קיין פרייע מוט
אונ מען ווערט שוין ניט אין איין מינוט

## יא

דער וואס איז אין יראה פאר שלאפין
זאגט ער אז נאר יענעם האט דאס גיטראפין
אבער איך טוא נאך אנדערש האפין
אבר דאס פאר געסט ער אז דיא יארין זיינן שוין אנטלאפין

## יב

קיין וואונדער איז ניט אויפין פראשטין המון
וואס דער שכל איז בייא זייא קליין
אבער דיא וואס ווייסין תורה וויא נעמט ניט אן אגיוויין
אז מען דער מאנט זיך אן דיא צייט וואס לא יועיל הון

יג

וויא נעמט דאש דיא הארץ גיט דירין
אז מען דער מאנט זיך וואו מען וועט מיר פירין
דורך וואשערע הייזער דורך וואשערע טירין
דארף מען דאך זעהען דיא נשמה אויש צו צירין

יד

אונ וואו מען וועט מיר לייגין אין אוואשער חדר
אונ אין וואשערע קליידער
אונ צו וועל איך האבין אמליץ טוב דאש הייסט אריידר
ווארום דארטין ווערט יעדער זאך גיציילט בצאן לעדר.

טו

דער פאר טוא איך ניט פאר שטיין
וויא טוען דאש אלע תענוגים אויף דער וועלט איין גיין
אז איך וועל דארפין אפ געבין דין פאר דעם ב"ב אליין
אונ יעדער מענש איז דאך גיוויש פון חטאים ניט ריין

טז

וואש טויג מיר גוט טרינקען גוט עשין
אז מארגין קאן זיך דאש גאר רעשין
אונ וואש עש איז גיוועזן קאן מען דאך גיוויש פר געשין·
דיא גאנצע זאך איז היינט · טוא זע דעם פייער צו לעשין



יז

וואש טויג דיא תאוות נשים
אז מיין לייב וועלין עשין שקצים ורמשים
אונ עש וועט זיין יסורים קשים
אונ דארטין וועט ניט זיין קיין מיוחסים

יח

דער וואש האט דיא געלט
מיינט ער אז ער וועט לעבין אייביג אויף דער וועלט
אבער פאר איהם איז אויך אן גיגרייט איין גיצעלט
דאש דארף זיין ביא יעדער אידין פאר גישטעלט

יט

דוא נארעשער מענש וואס איז דיא ווערדע פון פיל גוץ
אז זייא זיינען ניט אונטער דיין שוץ
ניט אויף לאנג האב איך פון זייא אנוץ
זייא בלייבין אין שטוב אונ מיר וועט מען טראגין לחוץ

כ

וואש טוט מיר געלט טויגין
אז מען וועט מיר צוא קאפין ניט לייגין
אונ זייא וועלין ניט זין אויף מיר קיין שום מגין
טוא וואס דארף מען האבין דיא גרוישע אויגין

## כא

נאך געלט טוט מען דעם גאנצין לעבין נאך יאגין
מען זאגט הלוואי וואלט איך אזויא פיל פאר מאגין
אבער מען וועט אויף דעם אמאל יאמערין אונ קלאגין
בעשער וואלט איך יענע צייט מצות גיקראגין

## כב

וואס וועט פון דעם ארויש קומען
אז דוא וועשט שוין האבין פיל געלט מזומן
אז דוא וועשט אפילו מיליאנען געבין
וועלין זייא דיר ניט אויף האלטין דעם לעבין.

## כג

אז דוא וועשט אפילו האבין פיל הויפען
וועלין זייא דיר פון טויט ניט אויש קויפין
זייא וועלין בלייבין אויף איין ארט שטיין
אונ דוא וועשט פון זייא אוועק גיין

## כד

דוא מעגשט האבין וואש איין מויל קאן ריידין
וועשטו מוזין דער פון זיך שיידין
אז עש קומט דיא צייט אהיים צוא גיין
העלפט ניט קיין יאמער אונ קיין גיוויין



## כה

שטארבין וואלט גיוועז בעשער וויא אלע זאכין
נור אז מען וואלט וויישין אז מען וועט דארטין גוט מאכין
עש קאן אבער זיין איין גרוישער אום גליק
אז מען זאל הייסין גיין אויף דער וועלט צוריק

## כו

גלייכער איז אז מען ווערט גאר ניט גיבארין
אז מען האט ניט אן גיפרעגט טו היט וואס מעטווט ניט טארין
האב רחמנות אויף דיינע גיציילטע יארין
קוק נאר אויף זיך קוק ניט אויף דעם אנדערינש חסרון

## כז

מיט גוואלד טוט מען אויף דער וועלט קומען
מיט גוואלד ווערט מען פון דער וועלט צו גינומען
פאר דעם ערליכן אידין איז דיא וועלט אשאד מיט בלומען
אגוטע וועלט אטייערע וועלט איז נור פאר דעם פרומען

## כח

פאר דעם ערליכין אידין איז די וועלט נאר ניט קיין לאסט
ער וויישט אז ער איז דא מער ניט וויא אגאסט
ער דינט דעם ב"ב מיט גרויש זריזות אונ מיט גרויש האסט
אפילו וואס ניט פאר דיא וועלט פאשט

## כט

אִין כְּלַל אִיז דִּיא וֶועלְט אַגוּטֶע
אָבֶּער נִיט קֵיין בַּארוּטֶע
קֵיינֶער אִיז פוּן אִיהְר נִיט צוּא פְרִידִין
וַוייעלֶע מֶען מוּז זִיךְ פוּן אִיר שֵׁיידֶען

## ל

אַז מֶען זָאהְל אָן חַאפִּין אַאִידִין אִין גַאס אַז עֶר טוּט לוֹיפִין
הֶער צוּא בְּרוּדֶער טוּא בַּייא מִיר מִצְוֹת קוֹיפִין
גִיוִויש וָואלְט פוּל וֶוערִין אַלֶע גַאסִין אוּנ אַלֶע הוֹיפִין
מֶען וָואלְט גִיוִויש בַּאלְד נָאךְ אִיהְם נָאךְ לוֹיפִין

## לא

אוּנ וִויא אִיז דֶער אֱמֶת דַארְף וִוישִׁין יֶעדֶער אִיד
אַז דָא אִיז נָאר פוּן תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת אַיין יָרִיד
אוּנ מִיט יֶעדֶער מִצְוָה גִיט מֶען חִיּוּת אִין יֶעדֶער גְלִיד
דְרוּם תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת צוּ טָאהְן דַארְף מֶען נִיט וֶוערְן מִיד

## לב

דִּיא וֶועלְט אִיז גִיגְלִיכִין צוּם יַם וָואשׁ אִיז גְרוֹישׁ אָן אַבְּרֶעג
דֶער מֶענְשׁ אִיז דִּיא שִׁיף וָואשׁ דַארְף זוּכִין אַוֶועג
דָשׁ אִיז גִמֵיינְט צוּ קְלֶערְן וָואס מֶען טָאר נִיט וָואשׁ מִי מֶעג
מֶען דַארְף נִיט פַר גֶעשְׁן אַז מֶען אִיז דָא אוֹיף גְצֵיילְטֶע טֶעג



## לג

מֶען קְלֶערְט גָאר נִיט וֶוער הָאט מִיר אוֹיף דֶר וֶועלְט גִבְּרַאכְט
אוּנ פוּן וָואס בִּין אִיךְ גִימַאכְט
טוּא וָואס בִּין אִיךְ גִיאַכְט
אוּנ אִין וָואס הָאבּ אִיךְ דִּיא יָארֶען פַאר בְּרַאכְט

## לד

מֶען קְלֶערְט גָאר נִיט וֶוער אִיךְ בִּין
אוּנ וואוּ גֵייא אִיךְ אוּנ וואוּ הִין
אוּנ אִיךְ וֶועל דָאךְ דַארְפִין אָבּ גֶעבִּין דִין
דַארְף מֶען דָאךְ זֶעהֶען וואוּ הַאלְט אִיךְ אִין וָואשֶׁער צִין

## לה

דֶער הוֹיבְּט אִין יוּנְגֶע יָארִין נִיט צוּא שְׁלָאפִין
דַיין בּוּךְ אִיז דָאךְ אָפִין
אוֹיף וֶועמֶען טוּשְׁט דוּא הָאפִין
דַיינֶע יָארִין זַיינֶען דָאךְ שָׁאהְן בַּאלְד אַנְטְלָאפִין

## לו

פַאר גֶעשׁ נִיט אַז דִּיא צַייט גֵייט
אַלְץ נֶעהֶענְטֶער צוּם טוֹיט
דִּיא צַייט לוֹיפְט
קֵיין סְחוֹרָה אִיז נָאךְ נִיט אַיין גִיקוֹיפְט

## לז

דיא צייט פליט
קיין געלט גיט מען ניט מיט
דיא צייט טוט זיך רוקין
צוא דיא ערד וועט מען זיך מוזין בוקין

## לח

דיא צייט לויפט שטארק
מען דארף שאהן אראפ גיין פון מארק
וויא דיא צייט גייט אוועק
נעמט גאר אן אשרעק

## לט

פאר געש ניט אז דיינע עבירות טוען זיך קלאייבען
און יעדער עבירה טוט מען דאך פאר שרייבין
טוא זע דיא צייט אין נארעשקייט ניט צוא רייבין
און דעם יצה"ר זע פון זיך אפ צו טראייבין

## מ

דער יצה"ר שטעלט זיך אויפין מיטין וועג
און מאכט אהיתר אויף יעדער עבירה אז מען מעג
דוא האשט נאך אפולע יארין אפולע טעג
דוא וועשט ניט פאר זאמען תשובה צו טאן גאר ביין ברעג



## מא

דער ווייליע בישטו נאך אין יונגע יארין
עש איז ניט קיין פלאן זיך צוא פאר מארען
דאס טוט מען אויך ניט טארין
דער ב"ב איז אויף דעם אויך אין צארין

## מב

דער ווייליע טוא וואש דיר גיפעלט
קיין וועג איז דאך פאר דיר ניט פאר שטעלט
ער פאלקט · און דר יצה"ר פראשט ער קוועלט
לייד ניט קיין הונגער קיין קעלט

## מג

אז ער קומט אויף דער עלטער זעהט ער שוין זיין אונגליק
וויל ער שוין גיין צוריק
זאגט דער יצה"ר דוא בישט דאך אין עבירות דיק
וויא קאנשטו אלטער נאר צו רייסין אזעלכע גראבע שטריק

## מד

דער ביא בישטו נאך גאר ביין קרעפט
טוא נאך בעשער איין גישעפט
ביא דיא גרעשטע רשעים טרעפט ,
איין מינוט פארין טויט ווערין זייא צום ב"ב באהעפט

### מה

אט אזויא קומט ער מיט זיינע המצאות
אונ רעט אן מיט זיינע רמאות
דער גרונט פון דער וועלט איז אז מען זאל האבן הנאות
מען זאל גוט עשין . גוט טרינקען פון אלע משקאות .

### מו

אז עש קומט צו עלטער צו קין גישעפט טוט מען ניט טויגן
אז מען גייט שוין אין דרייען איין גיבויגין
אז מען דארף שוין צו מאכין מיט די אויגין
דאמאלט טוט מען די תאוות עה"ז פאר בייגין

### מז

אז מען האט שוין קיין ציינער ניט מיט וואס צוא קייען
אונ דער מאגען טוט שוין ניט פאר דייען
ווער עש דער זעהט אים טוט אויף איהם שפייען
מיט איין נייע דירה דארף מען זיך שוין באנייען

### מח

אז די אברים טוען שוין ניט דינען
אונ פון בארד טוט רינען
דאמאלסט טוט מען די יונגע יארין גיפינען
קיין נארעשקייט ליגט שוין ניט אין זינען



### מט

[ד]וכט זיך ערשט איז מען גיפארין מען איז שוין אלט
מען האט גלעבט אין טומל מען ווייש ניט וואו מען האלט
אין אידעשקייט איז מען גיוועזן זייער קאלט
מיט קונצין גימאכט ניט גיהאט קיין אידעשען גישטאלט

### נ

דער ב"ב דארף שטיין פאר די אויגין וואו מען גייט
אונ מען דארף וויסין אז דער ב"ב גיט מיר ברויט
אונ ער העלפט מיר אין יעדער נויט
אונ דער הויבט גיט צוא פאר געשין אן טויט

### נא

דאס וועט דיר פון אלע צרות אויש קויפין
דער יצה"ר וועט גיוויש פון דיר אנטלויפין
דוא וועשט זיך היטין פון ארובעל אטרייפין
עש וועט דיר ניט גילושטין קיין מייערין אונ הויפין

### נב

טוא אויף דער וועלט איבעריגש ניט יאגין
גייא ניט אום גאנצענע טעג צוא טראגין
דער מאן זיך אן דיין באשעפער דעם אלטין
זע מער ניט דעם גוף מיט דער נשמה צו דער האלטין

### נג

האשטו נאר היינטיגין טאג פון וואנען צוא לעבין
טוא דעם ב"ב אשבח אפ געבין
אויף מארגין לייג ניט פיל שטראיינע
וואראם דוא ווייסט ניט צוא וועט זיין דער טאג דיינע

### נד

דוא פראשטער חומר
דוא בישט דאך צוא דיא נשמה נור א שומר
אז דיא נשמה טוט פון דיר אוועק גיין
בלייבשטו ליגין וויא א שטיין

### נה

מען קערט דיר אהין אונ אהער
די ווייליע וואש דוא ליגשט איז דעם מענטשן צו שווער
טוא וואס קאנשטו זיין ביי זיך שטאלץ
אז וויא דיא נשמה גייט אוועק ווערשטו וויא א האלץ

### נו

ווען א מענטש וואלט ווישין אויף קלאר
אז ער האט מער ניט וויא צו לעבין א יאר
גיוויש וואלט אים קיין תענוגים ניט איין גיין
גאנצע טעג וואלט ער פאר ברייינגן אין גיוויין



### נז

אונ בפרט דיא נשמה איז דאך גיגליכין צו אליכט
ויא שיידעט זיך אפ פון מענטשין גאר אום גיריכט
טוא זייא יעדער טאג צוא גיגרייט
טאמער קומט פלוצלונג ח"ו דער טויט

### נח

דרום דארף מען זעהען אן צוא גרייטין
זילבער אונ גאלד וועלין ניט באלייטין
ווילשטו נאר אויף דער וועלט זיין בארוט
זאלשטו זיך פאר שטעלין דיא לעצטע מינוט

### נט

דער כלל איז דער פון דיא וועלט איז אקארט
אלע גייען אוועק אין איין ארט
געווירעשאפט אונ מאטערנעש איז אלץ פאר שפארט
יעדער מענש מוז אפ געבין זיין ראפארט

### ס

היינט לאמיר נעמען ארום ריידין
וואש דיא וועלט טוט זיך אזו פיל צירין אונ קליידין
מען פאר געשט אז מען וועט זיך דער פון שיידין
פון אלע פרייקייט פון אלע פריידין

## סא

זעהט נאר וויא דיא וועלט איז פאר פירט
מעקוקט מער ניט עש זאל רק זיין פאר פוצט פאר ציר[ט]
מען פאר געשט וויא מען איז אין אידעשקייט פאר אירט
און וויא מיר קומען ארויש פון אזוי אטייערע גיבירט

## סב

און ווייבר וואש צירין זיך פאר אפרעמדן מאנש פרשוין
כדי זייא זאלין האבין בייא איהם חן
און דאש איז דער גאנצער מיין
דיא וועלין פון גיהנם גיוויש ניט זיין ריין

## סג

מיר וועלין דא צוייא זאכין שטעלין
אין אידעשקייט זאהל ניט פעלין
מען זאל זיך היטין פון אפרעמדין גראשין
און דיא מויל זאל זיין פון לה"ר פאר שלאסין

## סד

מען דארף ניט ריידין פיל
ניט וואש דיא הארץ וויל
איידער מען רעט אויש אוואָרט
דארף מען זעהען צוא איז דא פאר איהם אארט





## סה

[מ]יט קיינעם זאלשטו זיך ניט קריגין
[ו]ארום דאש איז דער גרעשטע פערגעניגן
[ד]ורך קריג קאנשטו האבין דיא גרעשטע ירידה
שווייגן אין אקריג איז דיא בעשטע מדה

## סו

ווען דוא וועשט איהם צוריק ניט ריידין
וועט ער זיך פון דיר אפ שיידין
לא די וואש ער וועט פון דיר אפ טרעטין
ער וועט דיר נאך גיוויש איבער בעטין

## סז

דער הויבט אין לשה"ר דארף מען זיך פאר צאמען
מען זאל ניט צוא נויף קומען קומפאנייעש צוא זאמען
קריך ניט אריין צווישין פיל מענשין נייש צו הערין
וועשטו פון לשה"ר געוויש ניצול ווערין

## סח

גבירים גייען אויף וויזיטען
גימיינע אויף גוט יו"ט ביטין
אלץ גוט אבער וואש דארף זיין לשה"ר אין מיטין
מען הארגעט דאך פיל מענשין אין קרידיטין

## סט

דיא קינדער פירט מען אויך פארין האנט
זייא ווערין אין דעם אויך גוט בעקאנט
אז זייא וועלין אויך קומען אין גיזעלין
וועט דאס ביי זייא אויך גיוויש ניט פעלין

## ע

דער הויפט איז דאש ביי ווייבער
זייא זיינען דיא גרעשטע רכילות טרייבער
ווערטער פון להר זיינען זייא קלייבער
אוי ווייא וויא היט מען דאש ניט אייגינע לייבער

## עא

ווייבער וואש טוען אין שול גיין
גלייכער וואלט זיין אז ניין
וואלט לפחות זיין דיא מויל ריין
דארטין ווערט ארום גרעט ווער איז מיאוס ווער איז שיין

## עב

אונ יענע האט פארין מאן אגוטע מערכה
ווארום איר מאן שטימט פון אשיינע משפחה
אונ יענער האט אין גישעפט גרויס הצלחה
אט דאס איז אין שול דיא גאנצע מלאכה





## עג

היינט זאגט אליין
צוא טויג אזו אשול גיין
אז אין אזו אמקום קדוש
ווערט ארום גיקוקט אלע מאדעש

## עד

היינטיגע צייטין אז מען גייט ארויס אין נאס
הערט מען ארעש
גיוויש ניט פון פוסקים אונ ניט פון ש"ס
וואש דען אז דאס געלט גייט אויס פון טאס

## עה

ווען איינער מיט דעם אנדערין טוען זיך דער קאנען
טוט מען גלייך דיא געלט דער מאנען
צי אויף דעם איז מען אויף דער וועלט אראפ גישיקט
אז מען זאל רק זיין אין געלט גיקליקט

## עו

איך טוא דאש ניט בנעמען
אויף וואש הארעוועט מען ווער ווייסט פאר וועמען
אויף וואש טוט מען זיך אויף דער וועלט קלעמען
מען וועט דאך אמאל זיך אויף דעם זייער שעמען

## חכמת ודעת

### עז

ציא דען איז אפלאן אן צו גרייטין
ניט פאר זיך נאר פאר דעם צווייטען
יענער ווערט אפארטיקער האר
און אליין שטארבט מען וויא א נאר

### עח

יענער וועט זיך לעבין אין פר גינינגין
און דוא וועסט נעבעך אין דער ערד ליגין,
עס וועט דיר זייער פאר דרישין
פר וואס דו האסט פון דין הארעוואנע ניט גיטאן גיניסין

### עט

און נאך מער
איז דער חשבון זייער וויסט און לער
ציא דען קאן א מענטש פאר זארגין
דיא צייט איז פון יעדער מענטשין זייער פאר בארגין

### פ

אפילו פאר א קינד
איז אויך א גרוישע זינד
איך בין אים מחויב צו געבין
אבער ניט צו פר שפילין דעם אייגינעם לעבין



## חכמת ודעת

### פא

וועט דער ב״ב וועלין
וועט אים גיוויס גאר נישט פעלין
און חו״ש אז ניט
העלפט ניט וואס מען גיט

### פב

אז מען האט נאך גוטע קינדער איז נאך אלץ כדאי
זיא זיינען פארין לעבין און נאכין לעבין אלץ גיטריי
זייא טוען זיך מיט דיא געלט בדרך הישר פירין
זייא טוען דיא געלט אויף נארעשקייט ניט פאר לירין

### פג

מיט דיא געלט טוען זייא אין צדקה דער קאנען
דיא עלטערין טוען זייא צוא גוטען דער מאנען
זייא גיבין צדקה פאר דיא עלטערינס נשמה
איז אפילו נאכין טויט דיא גרעשטע נחמה

### פד

אבער היינטיקע צייטין טוען זיך פיל קינדער גיפינען
וואס די עלטערין נאכין טויט ליגט זייא גאר ניט אין זינען
פון א פרק משניות טוען זייא נאר לאכין
זייא זאגין אז דאס איז פון דיא פאר צייטיגע זאכין

פה

היינט איז נאר אוועלט וואס מען טוט רק פאר קערט
אלע אידעשע מנהגים איז אויך פאר שטערט
א אידישער מנהג איז גאר זייער דזיק
היינט איז גאר אמאדע פון פאלעטיק

פו

אבער היינטיקע פאלעטיק
איז אונזער אום גליק
קיינער האט דער פון קיין נחמה
איין אום גליק פארין גוף און פאר דיא נשמה

פז

מיט היינטיקען פאלעטיק פאר פארט מען זייער ווייט
מען ווערט גרא און אלט פאר דער צייט
אבער מען נארט ניט קיינעם נאר זיך
דיא כוחות גייען אוים זייער גיך

פח

זייא זאגין אז היינטיקער פאלעטיק ברייננט מיט
אז מען זאל האבין גרוישע קרידיט
עש מעג זיין אין גישעפט דיא גרעשטע אום גליקין
טוט מען אין זיך שטיקין



פט

אבער פאלעטיק און שטאט קאסט זייער טייער
דאס איז גיגליכין צוא איין פייער
פריער איז ער זייער קליין
דער נאך טוט ער ווייט פאר-גיין

צ

דאמאלם העלפט שוין קיין פאלעטיק
מען וואלט שוין וועלין גיין צוריק
מען וואלט וועלין לפחות זיין אין ברויט זאט
עס איז שוין ניט אין קאפ קיין פאלעטיק און שטאט

---

### צא

וויא מען שטייט אויף אויפין באגינען
דארף מען תיכף האבין אין זינען
אז דער ב"ב טוט זיך אויף דער וועלט גיפינען
אונ אים דארף מען מיטין גאנצין הארצין דינען

### צב

אונ דער נאך דארף מען גלייך אויף שטיין
אונ מען דארף מאכין דעם גוף ריין
אונ מען דארף זאגין ברכות התורה
מיט גרויש כוונה אונ מיט גרויש מורא

### צג

אין נעגיל וואשער דארף מען זיין גיהיט בפרט איין אשה
אז מען גייט ד' אמות אן גיוואשין איז מען חייב מיתה
וואס אלע עסין ווארג גייט דורך איר האנט
עס העלפט ניט אפ רייבין אן ערד ענטפער אן אוואנט

### צד

אונ מען דארף זיך מקבל זין צוא דעם ב"ב ווילין
אז מען דארף זיך איין וויקלען אין טלית אונ תפילין
אונ גיין אין בהמ"ד צו זיין פון דיא ערשטע צעהען
אונ יעדר מענטש דארף לערנן קודם התפלה וואש ער קען



### צה

אונ דיא תפלה דארף ניט זיין וויא אהוב
אונ מען דארף גלייבין אז דער ב"ב איז דורך טוב
אונ נסים טוט ער טאג אונ טאג לרוב
אונ ער איז אבוחן לב

### צו

אז מען שטעלט זיך דאוונען דארף מען מפקיד זיין
כדי דיא תפלה זאל גלייך אין הימיל אריין
אונ מען דארף זיך פאר קיינעם ניט שעמען
מלאכי חבלה זאלין ח"ו דיא תפלה ניט איבער נעמען

### צז

אונ די שלעכטע גדאנקן דארף מען אפ שטויסן מיט גוואלד
עס דארף זיין גלייך וויא איך שטייא אין וואלד וד"ל
אונ מען דארף האבין הכנה
כדי דיא תפלה זאל זיין מיט כוונה

### צח

עס דארף זיין גלייך וויא מען איז גישטארבין וד"ל
ווארום תפלה איז במקום קרבן
א[illegible]מען דארף קיין זאך ניט מיינען
[illegible]ט אין תפלה זייער פיל צו וויינען

צט

מָען דַארְף נִיט זַאלֶעוֶועֶן קַיין טְרֶערִין
כְּדֵי דֶער ב"ב זָאל דִיא תְּפִלָּה צוּ הֶערִין
טְרֶערִין אִיז טַייעֶר בַּייא אוּנְזֶער פָּאטֶער דֶעם אַלְטִין
עֶר טוּט זֵייא אִין זַיינֶע אוֹצְרוֹת בַּהַאלְטִין

ק

אוּנ מֶען דַארְף הֶערִין יֶעדֶען וָוארְט וָואס מֶען רֶעט
מֶען קוּמְט דָאךְ צוּא דֶעם ב"ב מִיט אַיין גִיבֶּעט
דַארְף מֶען הָאבִּין אִין יֶעדֶען וָוארְט גְרוֹישׁ הַרְגָשָׁה
מֶען קוּמְט דָאךְ צוּ דֶעם ב"ב בֶּעטִין גִיזוּנְד אוּנ פַּרְנָסָה

קא

וִויא פִיל מָאל טְרֶעפְט
אַז מֶען קְלֶערְט גָאר וֶועגִין גִישֶׁעפְט
אַז מֶען זָאגְט סְלַח לָנוּ פַאר גִיבּ מִיר מַיינֶע זִינְד
בֶּעט מֶען גִיזוּנְד פַאר זִיךְ עֶנְטְפֶער פַאר אַקִינְד

קב

אִיבֶּער הוֹיפְּט נִיט צוּא טְרַאכְטִין פְרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת
אוּנ בִּפְרַט אִין אָבוֹת ור"ל
דַארְף מֶען יֶעדֶען וָוארְט גוּט בֶּעקְלֶערִין
וָוארוּם לְפִי דַעַת הַפּוֹסְקִים דַארְף מֶען זִיךְ אוּם קֶערִין



קג

מֶען קוּמְט צוּ דֶעם ב"ב בֶּעטִין עֶר זָאל אַרָאפּ נֶעמֶען צָרוֹת
אוּנ אִין מִיטִין תְּפִלָּה טְרַאכְט מֶען אַלֶע מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת
לֹא דַי וָואשׁ עֶר מַאכְט נִיט גְרִינְגֶער דֶעם לֶעבִּין
עֶר טוּט פַאר דֶעם נָאךְ צָרוֹת גֶעבִּין

קד

דֶערִיבֶּער אִיז אוּנְז זֵייעֶר נִיט גוּט
וָוארוּם אַזֶעלְכֶע תְּפִלוֹת טְרֶעפְט בַּייא אוּנְז אַלֶע מִינוּט
מֶען קוּמְט אֲפִילוּ צוּ דֶעם ב"ב מִיט גִיבֶּעט
נָאר דִיא אוֹיעֶרִין הֶערִין נִיט וָואשׁ דִיא מוֹיל רֶעט

קה

אַזֶעלְכֶע תְּפִלוֹת זָאגְט דֶער ב"ב בִּין אִיךְ אַייךְ מוֹחֵל
קוּמְט נָאר וַוייטֶער נִיט אִין מַיין הֵיכָל וד"ל
נִיט אַזוֹא טוּט מֶען בֶּעטִין
טוּט נָאר וַוייטֶער אִין מַיין הוֹיף נִיט טְרֶעטִין

קו

עֶשׁ אִיז כְּדַאי אַוֶועק צוּא וַוארְפִין אַלֶע גִישֶׁעפְטִין
נָאר אַיין מִינוּט צוּ דֶעם ב"ב זִיךְ צוּ בַּאהֶעפְטִין
אוּנ יֶעדֶער וָוארְט וָואשׁ מֶען רֶעט אוֹישׁ אִיז אַגְלִיק
עס זָאל נִיט אַוֶועק גֵיין דִיא צַייט לְהֶבֶל וָרִיק

# חכמת ודעת

## קז

אויף תורה צו לערנען שטעל אפ צייטין
אאייביגע וועלט אויף אנארעשע וועלט טו ניט פר בייטין
וואש פון טאג טוא אין תורה מערין
קיין גישעפט זאל דיר נישט שטערין

## קח

זאג ניט איך וועל לערנען אז מיר וועט זיין בעשער
זייא ווישין וואש ווייטער איז דער יצה"ר גרעשער
אט אזוא גייט אוועק דער גאנצער לעבין אין הכנות
דער חובת הלבבות רופט זייא אן בעלי משכנות

## קט

יעדער טאג איידער מען לייגט זיך שלאפין ביי נאכט
דארף מען האבין א חשבון אין וואס האב איך דם טאג פרברכט
אונ פיל מחשבות זרות הב איך היינט אין תפלה גיטראכט
אונ פיל קטיגורים האב איך היינט גימאכט

## קי

אונ אויף ווייטער דארף מען בייא- זיך בייא שווערין
אונ אין יעדער תפלה דארף מען זיך גוט איין הערין
אונ מען דארף מכוון זיין וויא ווייט מען קען
דער פאר וועלין מיר זוכה זין ב"ב דעם ביהמ"ק צו זעהען